# עונג שבת

## פרשת תזריע תשס"ח

גוט שבת אלע אידן. אונזער מעשה די וואך איך געשען מיט עטליכע הונדערט יאר צוריק. א געוויסער ר' נחום איז דעמאלט געווען דער בעל תפילה ימים נוראים אין דער בית כנסת וואו הרב יוסף חיים זוננפעלד זצ"ל האט געדאווענט. די שול, וואס איז געווען אין דעם אלט–שטאט, איז געווען אנגעפאקט ראש השנה און יום כיפור. פארשטייט זיך אז עס איז געווען א גרויסע כבוד צו זיין דעם בעל תפילה דארט.

איין יאר אפאר וואכן פאר ראש השנה איז נעבאך נפטר געווארן ר' נחום, דער באליבטער בעל תפילה פון יענע שול. נאכדעם וואס עס האט געענדיגט די שבעה, זענען די ראשי קהילה און אפאר בעלי בתים געקומען צו רב יוסף חיים פרעגען וואס זיי זאלן טון וועגן א בעל תפילה, צי זיי זאלן אנפאנגען צו זוכן א ממלא מקום וכו'. דער רב האט געזאגט אז זיי דארפן נישט זארגן וועגן דעם, ווייל ער וועט אליינס ערלעדיגען א פאסיגער בעל תפילה.

עטליכע טעג זענען פארבייגעגאנגען און קיינער האט נישט גערעדט וועגן דעם ענין. באלד איז עס געווארן נאר פינף טעג פאר ראש השנה, און דער רב האט נאך נישט מודיע געווען וועגן דעם נייער בעל תפילה. די ראשי קהילה זענען געווארן אביסל באזארגט וועגן דעם, און דערפאר זענען זיי צוגעגאנגען צו רב יוסף חיים נאכאמאל צו פרעגן וואס טוט זיך.

רב יוסף חיים האט זיי נאכאמאל בארוהיגט זאגענדיק אז זיי זאלן נישט זארגן ווייל ער וועט ממנה זיין א פאסיגער בעל תפילה. און אזוי האבן זיי אפגעלאזט דעם ענין.

ערב ר"ה איז אנגעקומען. מארגן וועט שטייען ביים עמוד דער נייער בעל תפילה ביים מוסף. אבער דעמאלט האט קיינער נישט געוואוסט וועמען עס וועט זיין! דער עולם האט נישט געקענט זיך אויסהאלטן. נאכ'ן דאווענען שחרית ערב ר"ה זענען צוגעקומען צו אים די ראשי קהילה מיט אפאר בעלי בתים. "רבי," האבן זיי געזאגט צו רב יוסף חיים מיט גרויס דרך ארץ, "מארגן מוז דער בעל תפילה אנקומען, און איר האט נישט געזאגט איין ווארט ווער עס וועט זיין, און לויט וואס מיר ווייסן, האט איר אפילו נישט געזוכט איינעם!"

"איך האב אייך שוין געזאגט עטליכע מאל..." האט רב יוסף חיים אנגעפאנגען צו זאגן. "איר דארפט נישט זארגן, די זאך וועט ערלעדיגט ווערן..." דער עולם האט נישט פארשטאנען דעם "מאדענע" אויפירונג פון זייערע רבי'ן. יעדער איינער איז אהיימגעגאנגען נישט וויסן וואס וועט טאקע זיין דעם נעקסטען טאג.

די נעקסטע טאג ר"ה איז געהאנגען אין די לופט אין שול א שטארקע נייגעריגקייט צו וויסן ווער וועט זיין דער בעל תפילה. מען האט געענדיגט שחרית, געליינט די תורה, און זיי האבן געהאלטן ביים בלאזן דעם שופר. דער עולם איז געווען אביסל אומרוהיג. אלע אויגען זענען געווען אויף רב יוסף חיים. פלוצלינג איז רב יוסף חיים אויפגעשטאנען און ער איז צוגעגאנגען צום זון פון ר' נחום, דער געוועזענער בעל תפילה, ע"ה. דער רב האט זיך אראפגעבויגן זיין קאפ צום אינגערמאן ר' נחום'ס זון און געזאגט צו אים שטילערהייט, "דו גייסט זיין דער בעל תפילה מוסף. גיי צו צום מוסף אזוי ווי דיין טאטע ע"ה האט געטון אלע יארן!"

דער אינגערמאן איז געווארן אן אילם – ער האט נישט געקענט רעדן. ער איז געווען די לעצטע מענטש אין די וועלט וואס האט ערווארט צו באקומען דעם כבוד. ער האט אנגעפאנגען אפצוזאגן דעם כבוד צו רב יוסף חיים. "איך האב בכלל נישט צוגערייט. איך האב נישט אפילו פארגעקוקט דעם דאווענען!"

רב יוסף חיים האט אים געענטפערט מיט א רוהיגקייט, "דו האסט געהערט ווי דיין טאטע ע"ה פלעגט דאווענען אלע יארן. דו קענסט גוט דעם דאווענען, טו דיין בעסט. עס וועט זיין בסדר." דער אינגערמאן האט געפאלגט דעם רב און ער איז צוגעגאנגען צום עמוד.

די ראשי קהילה האבן גאר נישט געזאגט דעמאלט, נאר זיי האבן געווארט ביז נאכן דאווענען. נאך מוסף, איז א גרופע בעלי בתים צוזאמען מיט די ראשי קהילה צוגעגאנגען צום רב און זיי האבן געזאגט צו אים מיט גרויס יראת הכבוד, "מיר נעמען אן אייער החלטה אז ר' נחום'ס זון זאל זיין דער בעל תפילה, אבער מיר באוואונדערן זיך ווי אזוי איר האט געקענט אים צושיקן ווען ער איז דאך אן אבל ל"ע, און די הלכה איז קלאר אז אן אבל טאר נישט זיין דער בעל תפילה ימים נוראים. (א"ח סי' תקפ"א ס"א, מ"ב ס"ק ז)

רב יוסף חיים האט געקוקט אויף דער גרופע אידן און ער האט זיי געענטפערט, "איר ווייסט ווער איז געזיצן און די עזרת נשים?!? ר' נחום'ס אלמנה! איר קענט אלע זיך פארשטעלן דעם עגומת נפש און די צער וואס זי שפריט יעצט, בפרט היינט ווען אירע מאן פלעגט צוגיין צום מוסף. שטעטל אייך פאר די צער וואס זי וועט האבן ווען א צווייטער וועט דאווענען די תפילה וואס זי פלעגט הערן אירע מאן דאווענען יעדעס יאר. אירע וויינען און צער וואלטן מיר אלע געהערט ביז דא!

איך האב געוואלט ממעט זיין דעם עגומת נפש פון דער אלמנה וויפיל עס איז געווען שייך. וועגן דעם האב איך צוגעשיקט איינעם וואס איז דער נענסטער מענטש צו איר מאן, ד"ה איר זון. די תורה זאגט אונז עטליכע מאל אז מען זאל נישט גורם ח"ו צער צו אן אלמנה, וועגן דעם האב איך געשפירט אז איך מוז טון אזוי. דער חשש פון נישט גורם זיין צער צו אן אלמנה האט זיכער איבערגעוואגט די הלכה וועגן נישט צושיקן אן אבל. הגם עס שטייט אויך אז ווען עס איז נישט דא קיין אנדערער צו זיין דער בעל תפילה, מעג אן אבל יא צוגיין. (שם סוף ס"ק) אין די פאל היינט, פאר די אלמנה, איך האב געשפירט אז עס איז נישט געווען דא עמיצן אנדערש צו זיין דעם חזן! אויב אזוי, לגבי דער אלמנה, על פי הלכה האב איך געמוזט צושיקן ר' נחום'ס זון!"

די הייליגע תורה רעדט די וואך וועגן צרעת. די גמרא ברענגט אז איינע פון די סיבות פארוואס איינער האט באקומען צרעת איז ווייל דער מצורע האט נישט אין זינען געהאט א צווייטן (ערכין טז.) כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א זאגט כסדר אז "יענעמס שמחה דארף זיין די אייגענע שמחה, און יענעמס צער דארף זיין דער אייגענער צער!" אזוי ווי מען האט געליינט אין דעם מעשה, א איד מוז כסדר טראכטן וועגן יענעם, ווי אזוי צו מחיה זיין יענעם און נישט חלילה גורם זיין צער צו א צווייטן. גוט שבת **אלע אידן**.

**לע"נ כ"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט זצוקללה"ה**

מזל טוב לדודי מוה"ר משה שפוטץ שליט"א לרגל שמחת לידת נכדו דוד נ"י לבנו מוה"ר יעקב יוסף הי"ו

נתרם לרפו"ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים • לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה.** לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)